**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/31/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארמערטע נאכפאלגונג אין רעאקציע צו העכערונג אין פאלשע דראאונגען אויף שולעס**

***גאווערנער האט זיך געטראפן מיט סטעיט פובליק זיכערהייט און חינוך פירער צו ווידערהאלן פלענער פאר זיכערהייט פון סקול קינדער נאך א וואוקס אין פאלשע פאליציי רופן***

***ניו יארק סטעיט פאליציי און סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט גיבן ארויס בריוו צו סקול אדמיניסטראטארן אריבער ניו יארק סטעיט זיי אנווייזנדיג צו איבערקוקן גרייטקייט און זיכערהייט מאסנאמען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט פארמערטע נאכפאלגונג שריט אין רעאקציע צו די לעצטיגע אויפשטייג אין פאלשע באריכטונגען איבער אן ערנסטע געזעץ אינפארסירונג עמערדזשענסי, ווי צום ביישפיל א פארדעכטיגטע באמבע, א משכונות צושטאנד אדער מארד, אריבער די גאנצע סטעיט און איבערן לאנד. פריער היינט האט גאווערנער האקול זיך געטראפן מיט פובליק זיכערהייט און חינוך פירער צו קאארדינירן גרייטקייט און זיכערהייט מאסנאמען צו זיכער מאכן אז אלע קינדער בלייבן זיכער אין סקולס און אז אלע סקול דיסטריקטס און לאקאלע פאליציי אגענטורן האבן די לעצטע אנווייזונגען איבער סקול זיכערהייט פראטאקאלן.

"עס קומט זיך פאר יעדעס קינד אין ניו יארק צו פילן זיכער אין סקול, און אלע עלטערן דארפן זיך קענען פארלאזן אז זייער קינד וועט אנקומען אהיים ביי די ענדע פון יעדן טאג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "סטעיט און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג נעמען אונטער פארמערטע נאכפאלגונג שריט צו זיכער מאכן אז אלע אונזערע סקול קינדער זענען זיכער און אז אונזערע ערשטע הילף מאנשאפטן זענען אייביג גרייט אין פאל פון עמערדזשענסי. אין די צייט וואס פאלשע דראאונגען פון געוואלדטאטן קומען פאר אריבער דעם לאנד נעמט ניו יארק אונטער אקטיווע שריט כדי די דראאונגען זאלן נישט ווערן עכט."

**ניו יארק סטעיט פאליציי צייטווייליגער סופעראינטענדענט, סטיווען א. ניגרעלי, האט געזאגט,** "צושטעלן א זיכערע און פארזיכערטע אטמאספערע פאר אונזערע קינדער צו לערנען און פאר אונזערע לערער/ינס איז אונזער הויפט פריאריטעט. איר קענט זיין רואיג און זיכער אז מיר ארבעטן אקטיווערהייט מיט אונזערע אגענטור שותפים אויף די סקול זיכערהייט פארבעסערונג מאנשאפט ( School Safety Improvement Team) און אזוי אויך מיט אונזערע לאקאלע געזעץ אינפארסירונג שותפים צו שטיצן זייערע באמיאונגען, און מיר ווענלן פארזעצן אזוי צו טוהן. לאמיר זיין קלאר: די סארט אינצידענטן פון פאלשע באריכטן וועלכע שטערן אונזערע סקולס און ווארפן ארויס ווערטפולע סטעיט מיטלען וועלן נישט טאלערירט ווערן, און מיר זענען אנטשלאסן צו טרעפן די וועלכע זענען פאראנטווארטליך דערפאר."

**ניו יארק סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט ( New York State Education Department, NYSED) קאמישאנער, דר. בעטי א. ראָוזע, האט געזאגט,** "די זיכערהייט פון אונזערע סקול קינדער

און סקול איינגעשטעלטע איז אונזער הויפט פריאריטעט. יעדע דראאונג צו סקול קאמיוניטיס, נישט קיין חילוק צו עס איז באגרונדעט אדער נישט, איז א שטער צו דאס לערנען און צו די גייסטישע געזונטהייט. אקטיווע און אנגייענדע קאמיוניקאציע מיט סקולס און צושטעלן שטיצע צו האלטן סקול זיכערהייט פלענער אויף די בעסטע סטאנדארט זענען קריטיש פאר אונזער מיסיע צו זיכער מאכן אז מחנכים/ות האבן די מיטלען וואס פעהלן זיך צו אויס זיך צו אפרופן פאסיגערהייט און אויף א צופרידנשטעלנדן פארנעם צו די דראאונגען און אז דאס לערנען גייט אן אומגעשטערט. מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול און אונזערע שותפים אין געזעץ אינפארסירונג אויף די סטעיט און לאקאלע שותפים צו גיבן הדרכה וויאזוי צו דורכמאכן די שוועריגקייטן. די געטריישאפט און שטארקייט פון מחנכים/ות און סקול קינדער ארום ניו יארק זיך צו אויפשטעלן און אנגיין ווייטער איז אן אינספיראציע."

**New York State United Teachers פרעזידענט, ענדי פאלאָטע, האט געזאגט,** "מיר האבן דאס געזאגט איינמאל און נאכמאל: די זיכערהייט פון אונזערע סקול קינדער איז די הויפט פריאריטעט פאר מחנכים/ות אריבער די סטעיט. מיר זענען דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס שנעלע אויפמערקזאמקייט צו די נושא און פאר די אנגייענדע איבערגעגעבנקייט פון געזעץ אינפארסירונג און סקול הנהלות צו נעמען ערנסט סיי וועלכע דראאונגען צו אונזערע סקולס. מיר מוזן זיך פאראייניגן צו טוהן אלעס וואס מיר קענען צו היטן אויף אונזערע פובליק סקולס אלץ א זיכערע און ווארעמע אטמאספערע פאר יעדן."

אין צוגאב צו די זיצונג מיט סטעיט פובליק זיכערהייט און חינוך פירער, האט גאווערנער האקול געארבעט צוזאמען מיט די ניו יארק סטעיט פאליציי און מיט די סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט צו ארויסשיקן א בריוו צו סקול פירער אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט זיי צו אנווייזן צו איבערקוקן די גרייטקייט און זיכערהייט מאסנאמען נאכפאלגנדיג מאנטאג'ס סקול שיסעריי אין נעשוויל און פארמערטע פאלשע רופן.

די פולע נוסח פון די בריוו איז ווי פאלגנד:

*טייערע סקול פירער,*

*דאס וואס לייגט זיך נישט אויפן זין האט פאסירט אין אן אנדערע סקול אין די פאראייניגטע שטאטן ווען דריי קינדער און דריי איינגעשטעלטע זענען דערשאסן געווארן צום טויט אין נעשוויל די וואך. אונזערע הערצליכע טרייסטן גייען ארויס צו די מענטשן און פאמיליעס וועלכע זענען באטראפן געווארן פון די רשעות'דיגע און טראגישע שיסעריי.*

*בלויז געציילטע טעג דערנאך איז די סקול טאג צושטערט געווארן פאר פילע פון אייך דורך דראאונגען פון אן אקטיווער שיסער וועלכע זענען אריינגערופן געווארן צו מער פון דרייסיג סקולס אויסגעשפרייט איבער כמעט אלע ראיאנען פון אונזער סטעיט.*

*די דראאונגען זענען געגלויבט צו זיין פאלשע באריכטונגען איבער אן ערנסטע געזעץ אינפארסירונג עמערדזשענסי, ווי צום ביישפיל א סכנה פון א באמבע, א משכונות צושטאנד אדער א מארד. געזעץ אינפארסירונג האבן אויסגעפארשט די דראאונגען און זיי האבן באשטימט אז זיי זענען געווען פאלש, אבער טראצדעם האבן זיי אנגעזייט גאר אסאך אנגעצויגנקייט, אומקלארקייט און עמאציאנאלע טראומע פאר קינדער, עלטערן און איינגעשטעלטע, און זיי האבן אויפגענומען ווערטפולע געזעץ אינפארסירונג מיטלען. פאליציי אויף די לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע שטאפל ארבעטן צו נאכגיין די דראאונגען און צו ארעסטירן די וועלכע זענען פאראנטווארטליך דערפאר.*

*עס איז וויכטיג פאר סקול הנהלה און פירערשאפט מאנשאפטן צו שטענדיג זיין גרייט פאר סיי וועלכע מעגליכע אינצידענט, אבער אין די צייט פון העכערע אנגעצויגנקייט אין פארבינדונג צו סקול זיכערהייט*

*איז עס באזונדערס וויכטיג צו ערמעגליכן א זיכערע און רואיגע קולטור פון גרייטקייט, און אזוי אויך קלארע קאמיוניקאציע צווישן געזעץ אינפארסירונג און סקול בעאמטע.*

*נאכפאלגנדיג א טראומאטישע געשעעניש ווי די נעשוויל שיסעריי און נאכפאלגנדע פאלשע דראאונגען פון געוואלדטאטן, וועלן סקול בעאמטע מעגליך ווילן נעמען אין באטראכט צו אפשטופן סיי וועלכע פלאנירטע איבונגען צו פארקלענערן די אויסזיכטן פון צולייגן טראומע פאר די סקול קינדער און איינגעשטעלטע — בשעת'ן נאכאלץ היטן אויף די באקאנטשאפט מיט די פראצעדורן צו האלטן סקול קינדער און איינגעשטעלטע זיכער. סקולס וועלכע פירן דורך איבונגען זאלן דאס טוהן מיט די סאמע גרעסטע קעיר און פארזיכטיגקייט און אייביג זיכער מאכן צו לאזן וויסן פאר אלע באטייליגטע אז עס איז נאר אן איבונג. ווען די איבונג ענדיגט זיך איז די בעסטע זאך צו לאזן צייט פאר א קורצע באגעגעניש דערנאך מיט די סקול קינדער און איינגעשטעלטע.*

*- אין צוגאב צו דאס דורכפירן די אויבנדערמאנטע איבערבליקן זאלן סקול פירערשאפט מאנשאפטן זאפארט:*
*- איבערקוקן אייער געביידע-שטאפל אפרוף פלאן (Building-Level Response Plan) וואס איז פארלאנגט אונטער די NYS עדזשוקעישען געזעץ סעיף 2801-A, און פארזיכערן אז איר קומט נאך די אנווייזונגען אויף די NY עמערדזשענסי אפרופונג קארטל (NY Emergency Response Card) S.H.E.L.L*
*- זיך טרעפן מיט איינגעשטעלטע וועלכע זענען באאויפטראגט מיט קריטישע אינצידענט קאמאנד סיסטעם (Incident Command System, ICS) ראלעס*
*- אויספאלגן יערליכע איבונג פאדערונגען וואס איז די בעסטע וועג צו טרענירן סקול קינדער און איינגעשטעלטע איבער עמערדזשענסי אפרופונג פראצעדורן.*
*ביטע טראכט נישט צוויי מאל בעפארן זיך פארבינדן מיט די קאנטאקט אינפארמאציע אונטן אויב איר דארפט הילפס-מיטלען אדער נאך טרענירונג אין צוגאב צו די נאענטע באציאונגען וואס איר האט געבויט מיט אייערע לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן. NYSED און סטעיט פאליציי וועלן פארזעצן צו נאכפאלגן די צושטאנד פון די נאענט, און סטעיט פאליציי סקול קאמיוניטי אַוטריטש קאארדינעיטארס וועלן זיין אין דירעקטע קשר מיט די סקול דיסטריקטס וואס האבן ערהאלטן די דראאונגען צו זיכער מאכן אז זיי האבן אלע אינפארמאציע און צו ענטפערן סיי וועלכע פראגן.*

*אלץ נאך א באווארענונג אדער פארזיכערונג קענען סטעיט און/אדער לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אפט פארגרעסערן זייער אנוועזנהייט אין סקולס אין די טעג און וואכן נאך א דראאונג אדער אין רעאקציע צו א לאקאלע אדער נאציאנאלע געוואלדטעטיגע אינצידענט.*

*אין 2022 האט גאווערנער האקול פארשטערקערט די 'רויטע פאן באשיצונג געזעץ' ( Red Flag Protection Law) צו ערמעגליכן פאר מער מענטשן צו בעטן אז אן 'עקסטרעמע ריזיקע באשיצונג ארדער' (extreme risk order of protection, ERPO) זאל ארויסגעגעבן ווערן [קעגן מענטשן וועלכע ווייזן ארויס סימנים אז זיי שטעלן א סכנה צו זיך אדער אנדערע]. אין צוגאב צו סקול הנהלה און געוויסע מענטשן וועלכע זענען אויסדערוועהלט געווארן דורך די סקול ווי לערער/ינס, הדרכה קאונסעלארס, סקול פסיכאלאגן, סקול נוירסעס און קאָוטשעס, רעכנט דער געזעץ אריין:*

*- פאליציי אפיצירן*
*- דיסטריקט אטוירניס*
*- פאמיליע אדער הויזגעזונד מיטגלידער. דאס רעכנט אריין:*
    *- מענטשן וועלכע זענען לעגאל פארהייראט אדער גע'גט*
    *- מענטשן וואס האבן צוזאמען א קינד, אריינרעכענענדיג אן אדאפטירטן קינד*
    *- מענטשן וועלכע האבן א קשר דורך חתונה, ווי שוואגערס און שוועגערינס*

*- מענטשן וועלכע האבן א בלוט קשר, ווי ברידער, עלטערן, קוזינעס*
*- מענטשן וועלכע זענען נישט קרובים אבער וואוינען צוזאמען אדער האבן געוואוינט צוזאמען פאר א תקופה*
*- מענטשן וועלכע זענען נישט קרובים אבער האבן אינטימע באציאונגען (יעצט אדער אין די פארגאנגענהייט), ווי צום ביישפיל פארן פון די זעלבע סעקס און צענערלינגען וואס 'דעיטען'.*

*עס איז קריטיש וויכטיג אז סקולס זאלן זיכער מאכן אז איינגעשטעלטע און פירערשאפט פארשטייען אלע די געזעץ און וויאזוי עס באשיצט די סקול קאמיוניטי דורכן אוועקנעמען רעוואלווערס פון די וועלכע שטעלן א סכנה צו זיך אדער צו אנדערע. אויב סקול איינגעשטעלטע האבן זארגן איבער א געוויסע מענטש, האט די [ניו יארק סטעיט געריכט סיסטעם'ס וועבזייטל](#) אויך דעטאלירטע אינפארמאציע איבער דעם ERPO פראצעדור.*

*אלץ חלק פון די איבערבליק פון זיכערהייט פלענער אויף די דיסטריקט שטאפל זאלן סקולס נעמען אין באטראכט צו נוצן פאניק אלארם סיסטעמען וועלכע זענען נישט טייער און דא צו באקומען אויפן מארקעט, ערלויבנדיג איינגעשטעלטע און הנהלה צו שנעלערהייט סיגנאלירן אז עס שפילט זיך אפ א לעבנס-דראאענדע אדער עמערדזשענסי צושטאנד וואס פאדערט אן אפרופונג פון די נאענסטע געזעץ אינפארסירונג איינגעשטעלטע. די פאדערונג איז אוועקגעשטעלט געווארן מיט דעם וואס 'אליסא'ס געזעץ' איז אריבערגעפירט געווארן אין 2022.*

*עמערדזשענסי אפרופונג פלאנירונג מיטלען זענען דא צו באקומען פון [ניו יארק סטעיט צענטער פאר סקול זיכערהייט'ס](#) (New York State Center for Public Safety) וועבזייטל, אריינרעכענענדיג א נייע ווידעאו מיט די קעפל "[Seconds Count](#)" (יעדע סעקונדע מאכט אויס) וואס איז געמאכט געווארן דורך די NYS דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services) אין צוזאמענארבעט מיט די NYS סקול זיכערהייט פארשטערקערונג מאנשאפט (School Safety Improvement Team) צו ערקלערן די סקול עמערדזשענסי .S.H.E.L.L רעאקציע פראצעדורן. מערקט אן אז די ווידעאו איז געמאכט פאר ערוואקסענע, און עס זאל נישט געוויזן ווערן פאר סקול קינדער.*

*די סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט'ס אפיס פון סקול קינדער שטיצע סערוויסעס ( Office of Student Support Services) אין צוזאמענארבעט מיט אנדערע סטעיט אגענטורן און די סטעיט פאליציי וועלן פארזעצן צו גיבן אנווייזונגען און צושטעלן מיטלען אין די נאענטע טעג. אויב האט איר פראגן, פארבינדט אייך ביטע מיט אונז אויף [SafetyPlans@nysed.gov](mailto:SafetyPlans@nysed.gov).*

*צו צושטעלן א זיכערע און פארזיכערטע אטמאספערע פאר אונזערע קינדער צו לערנען און פאר אונזערע לערער/ינס איז אונזער הויפט פריאריטעט, און מיר שטייען גרייט צו העלפן אין יעדע וועג וואס מיר קענען נאר.*

###